בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פון חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וָאֵרָא

238

תשפ"ב

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש ברסלב**
Heichal Hakodesh Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Liberty, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג מֶען מָאלְן בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים?..................................א

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ?..................................ג

פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זִיךְ גֶעפִּירְט מִיט רֶעבִּיסְטֶעוֶוע?.ד

וִוי אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ נִיטְל נַאכְט וֶוען עֶס פַאלְט אוֹיס שַׁבָּת?..............ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אַ זְכִיָ׳ צוּ הָאבְן אַ מַאן אַ מְשַׁמֵשׁ בַּיים רֶבִּי׳ן..................................א

לָאזְט נִישְׁט אַרַיין בַּיי עֶנְק דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה..............................ב

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן זַיין ווַאוֹיל אִין סְקוּל ...................................ג

מֶען קֶען נִישְׁט אָנְצִינְדְן נִיגוּנִים פוּן זִינְגֶערְס וָואס נִישְׁט יֶעדֶער הֶערְט.......ד

בִּזְכוּת דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ בֶּענְטְשְׁן ..............ה

מִיטְ׳ן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת, הָאסְטוּ אַ גְלַייכֶע חֵלֶק אִין אַלֶע גוּטֶע זַאכְן..........ה

לוֹיף נִישְׁט נֶעמֶען סְתַם אַבִּי אַן אַרְבֶּעט, וֶוער נִישְׁט יֶענֶעמְ׳ס עֶבֶד כְּנַעֲנִי .....ו

דַיין סִיוּם מִשְׁנַיוֹת הָאט מִיר גֶעגֶעבְן פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת ................................ו

מֶען קֶען נָאר הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס ווִיל זִיךְ הֶעלְפְן ..........................ז

צוּזַאמְרוּפְן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה צוּם סִיוּם הַשַׁ״ס.................................ח

מֶען וֶועט בַּאצָאלְן אַלֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט וָואס הַאלְטְן אַיין דִי זְמַנֵי הַכּוֹלֵל....ט

נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן מֶענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט ..........................................י

נִישְׁט זִיצְן בַּאקֳוועם בַּיים רֶבִּי'ן, נָאר טְרַאכְטְן אוֹיךְ פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן .... י

פַאר דוּ טוּסְט נַייעֶ זַאכְן, קוּם פְרֶעגְן .......... יא

רֶעד מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים .......... יב

שְׁפִּירְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אֲשֶׁר בַּנַחַל וָואס מֶען שְׁפִּירְט
בַּיים לֶערְנֶען אֲשֶׁר בַּנַחַל .......... יג

חַס וְשָׁלוֹם וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין מַחֲלֹקֶת .......... יד

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט שֵׂכֶל צוּ נוּצְן זַיין גֶעלְט
אִין גוּטֶע אִינְוֶועסְטְמֶענְטְס .......... יד

מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערְס דַארְפְן הַאלְטְן דִי זְמַנִּים .......... טו

נֶעמְט זִיךְ פָאר נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן .......... טז

הָאט נָאךְ אַבִּיסְל סַבְלָנוּת, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט זַיין גוּט .......... יז

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ לָאזְט דִיר גֵיין קַיין בְּרֶסְלֶב .......... יט

אִין דִי וָואכְן פוּן שׁוֹבָבִי"ם זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לִימוּד מִשְׁנָיוֹת .......... כ

חֲבוּרַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין מַאנְטְשֶׁעסְטֶער .......... כא

אַ צְדָקָה קַאסֶע טָאר נִישְׁט גֶעפִירְט וֶוערְן דוּרְךְ אַ יָחִיד .......... כב

וֶועמֶען מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין צוּ רֶעדְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ .......... כד

בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ .......... כה

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעשְׁמַאקֶע הַכְנָסַת אוֹרְחִים
אִינֶעם נַייעֶם הֶערְלִיכְן בִּנְיָן אִין שְׁטָאט סִיגוּט .......... כו

מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג מִיט צְדָקָה גֶעלְט .......... כו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מֶעג מֶען מָאלְן בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ בַּר מִצְוָה גֶעהַאט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ טַאלַאנְט צוּ קֶענֶען מָאלְן, אִיךְ מָאל זֵייעֶר שֵׁיינֶע בִּילְדֶער, סְפֶּעצִיעֶל בִּילְדֶער פוּן אַדְמוֹרִי"ם וְרַבָּנִים.

אִיךְ הָאבּ אָבֶער גֶעהֶערְט אַז עֶס קֶען זַיין הֲלָכָה'דִיגֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט מָאלְן אוּן פַּארְבְּן, אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין אִידִישֶׁע זַאךְ. מֶען זָאגְט אַז אוֹיף אַ בִּילְד קֶענֶען זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ זַיין קְלִיפּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיב דָאס אִיז אֱמֶת.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט מָאלְן אַ גַאנְצֶע מֶענְטְשׁ, אַ גַאנְצֶע פָּנִים, אַ פוּלֶער גֶעשְׁטַאלְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ פוּן דִי אֱמֶתְ'עֶ גְרוֹיס אוּן מָאס, חַיוֹת, אוּן נָאךְ.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר אוֹיסְקְלָארְן וָואס מֶען מֶעג יָא אוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין בַּר מִצְוָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן הָאבְּן פוּן דִיר נַחַת דִקְדֻשָּׁה.

נוּץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנד.): "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא", דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען דִי יוּנְגֶע יָארְן; וָואס מֶען לֶערְנְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ד, כ): "הַלּוֹמֵד יֶלֶד לְמַה הוּא דוֹמֶה, לִדְיוֹ כְתוּבָה עַל נְיָר חָדָשׁ".

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן עג): "הָעֲבוֹדוֹת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ", יֶעדְן טָאג עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז חָשׁוּבְ׳עֶר פוּן עֶטְלִיכֶע יָארְן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ מָאלְן בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים. עֶס אִיז בַּאווּיסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער חֲזוֹן אִישׁ זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה הָאט גֶעהֵייסְן פַּאר אַ מְנַהֵל פוּן אַ מוֹסָד עֶר זָאל אוֹיפְהֶענְגֶען בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים אִין אַלֶע קְלַאסְן, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁטֶענְדִיג זֶען דֶעם פָּנִים פוּן צַדִיקִים אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען אוֹיף זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם; בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִין שְׁטוּבּ הָאט גֶעהָאנְגֶען אַ בִּילְד פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ מְסַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, מִדָה טוֹבָה אִיז דָאךְ מְרוּבָּה מִמִּדָּה שֶׁל פֻּרְעָנֻיּוֹת (סוֹטָה יא.), בַּיי עֲבֵירוֹת זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (בַּמִּדְבָּר רַבָּה י, ב): "עַיִן רוֹאֶה וְלֵב חוֹמֵד", אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע בִּילְדֶער - בְּרֶענְגְט דָאס צוּ מֶען זָאל גְלִיסְטְן צוּ טוּן עֲבֵירוֹת; אִיז דָאךְ בַּיי בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים זִיכֶער אַז דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען צוּ גוּטֶע זַאכְן, מֶען וֶועט גְלִיסְטְן צוּ זַיין אַ צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג מִיט מַיין ווייבּ, זִי טַעְנָה'ט אַז אִיךְ הֶעלְף נִישְׁט גֶענוּג, אֲפִילוּ אִיךְ טוּ מֶער וְוי דִי כֹּחוֹת אִיר צוּ הֶעלְפְן. און אַזוֹי וַוייטֶער אִיז דָא נָאךְ פִּילֶע זַאכְן וָואס זִי הֶערְט נִישְׁט אוֹיף זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן אוֹיף מִיר.

לֶעצְטְנְס הָאט מַיין וַוייבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט גֵיין צוּ אַ טֶערֶעפִּיסְט, און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל גֵיין מִיט אִיר, יֶענֶער הָאט מִיר מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז מַיין וַוייבּ קוּקְט מִיךְ נִישְׁט אַרוֹיף וַוייל אִיךְ בִּין צוּ אַ וֵוייכֶער און אִיךְ פַארְלַאנְג קֵיינְמָאל נִישְׁט פוּן אִיר קַיין שׁוּם זַאךְ, און ווי אַזוֹי זִי גֵייט און וָואס זִי טוּט בִּין אִיךְ אַלְץ צוּפְרִידְן, דָאס מַאכְט אַז זִי זָאל מִיךְ אַרָאפְּקוּקְן, וַוייל אַ פְרוֹי דַארְף אַ שְׁטַארְקֶער מַאן.

פַאר מִיר אִיז עֶס גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ הֶערְן, וַוייל פַארְוָואס זָאל אַ פְרוֹי אַרָאפְּקוּקְן אִיר מַאן נָאר וַוייל עֶר אִיז אַ גוּטֶער און אַ וֵוייכֶער, און אוֹיבּ וֶועל אִיךְ שְׁרֵייעֶן און זִיךְ רֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ און זַיין אַ שְׁטַארְקֶער מַחְמִיר אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע חוּמְרָא, וֶועט זִי מִיךְ דֶעמָאלְט אָנְהוֹיבְּן אַרוֹיפְקוּקְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן דִי פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת פוּן פַּרְעֹה; אַ שָׁאד דִי צַייט פַאר דִי נַארִישְׁקֵייטְן, נָאר עֵצוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז גוּט נָאךְ צוּ גֵיין.

דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעהֵייסְן גֵיין מִיט דַיין וַוייבּ וְכוּ׳ - אִיז נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי זָאגְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן, זֵיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן; וְוי קֶענֶען זֵיי הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן? נָאר אַז דִי וַוייבּ וִויל גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי - גֵייט מֶען לְמַעַן הַשָּׁלוֹם און מֶען הָאט אִינְזִין צוּ פַּטְרְ'ן דִי מָרוֹר.

דוּ פָּאלְג דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן; עֵצוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ז): "הָעֵצוֹת שֶׁל הַצַּדִּיק הֵם כּוּלוֹ זֶרַע אֱמֶת"; מִיט דִי עֵצוֹת וָואלְט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֶעקֶענְט הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז פַארְקֶערְט וִוי יֶענֶער הָאט דִיר גֶעזָאגְט; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן רב): "צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר", מֶען זָאל גֶעבְּן כָּבוֹד פַאר דִי וַוייבּ, וַוייל פְרוֹיעֶן דַארְפְן אַסַאךְ כָּבוֹד אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף כָּבוֹד; זָאלְסְטוּ רֶעדְן שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג, אוּן אִיר נָאר אוֹיפְבּוֹיעֶן, נָאר אוֹיפְהֵייבְּן - וֶועט זִי מִיט דִי צַייט וֶוערְן שְׁטַארְק אוּן הָאבְּן כֹּחַ.

דִי בֶּעסְטֶע טֶערֶעפִּי פַאר אַ פְרוֹי - אִיז דֶער מַאן, אַ מַאן קֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין וַוייבּ זִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע אַלְטֶע וֵוייטָאג פוּן אַלְס קִינְד, פוּן שְׁטוּבּ אוּן פוּן סְקוּל, מֶען דַארְף אוֹיסְהֶערְן אוּן לָאזְן אוֹיסְרֶעדְן - אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן.

זֶע צוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן זַיי שְׁטַארְק אִין הִתְבּוֹדְדוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זִיךְ גֶעפִירְט מִיט רֶעבִּיסְטֶעוֶוע?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ אַז אִין בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁטָא קַיין "רֶעבִּיסְטֶעוֶוע", אִין בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁטָא קַיין אַדְמוֹרִי"ם, נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוּנְזֶער רֶבִּי. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין רֶבִּי, נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי". אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע אָנְגֶענוּמֶען בַּיי חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב אַז קֵיינֶער פִירְט נִישְׁט קַיין רֶעבִּיסְטֶעוֶוע.

אָבֶּער אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זֶע אִיךְ אַז עֶס אִיז אַנְדֶערְשׁ. סֵיי בַּיי מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן

עָלֵינוּ, און יִבָּדֵל לְחַיִּים טוֹבִים אֲרוּכִים אויךְ בַּיים ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, זֶע אִיךְ אַזוֹיפִיל רֶעבִּיסְטֶעוֶוע זַאכְן, ווי צוּם בַּיישְׁפִּיל טַאנְצְן מִצְוָה טַאנְץ, שִׁירַיִם, אַ שֵׁיינֶע בֶּענְקֶל, מֶען פִּירְט טִישְׁן, און אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ מֵיין נִישְׁט קַיין חוּצְפָּה, אִיךְ פְּרֶעג פָּשׁוּט וָואס לִיגְט מִיר אוֹיפְ'ן הַארְץ, און אִיךְ הָאף דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס פַּארְעֶנְטְפֶערְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעטוּן דִי זַאכְן נָאר צוּלִיבּ אֵיין סִיבָּה, צוּ מְקָרֵב זַיין וָואס מֶער מֶענְטְשְׁן לְאָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם. בַּיי אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אִיז דָא אַ קַטְנוּת הַדַּעַת פוּן דִי סָארְט זַאכְן, פוּן אַ שֵׁיינֶע בֶּעקִיטְשֶׁע וְכַדּוֹמֶה, און נָאר וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַזֶעלְכֶע זַאכְן - הֶערְן זֵיי אוֹיס און זֶענֶען מְקַבֵּל וְכוּ'. אַזוֹי ווי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קמה:): "מִפְּנֵי מַה תַּלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁבְּבָבֶל מְצוּיָּינִין", פַּארְוָואס גֵייעֶן דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אִין חוּץ לָאָרֶץ מִיט שֵׁיינֶע בֶּעקִיטְשֶׁעס? "מִפְּנֵי שֶׁאֵינָם בְּנֵי תּוֹרָה", וַוייל דִי מֶענְטְשְׁן פוּן בָּבֶל זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּנֵי תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעפִיל אִין תּוֹרָה; וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס זֶעט אוֹיס ווי אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ זֶענֶען זֵיי אִים נִישְׁט מְכַבֵּד, נָאר וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ שֵׁיינֶע בֶּעקִיטְשֶׁע - דָאס מַאכְט זֵיי זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים (עַיֵּין תִּפְאֶרֶת יִשְׂרָאֵל אָבוֹת ד, ו; דִּבּוּר הַמַּתְחִיל "גּוּפוֹ מְחוּלָּל עַל הַבְּרִיּוֹת"); נָאר צוּלִיבּ דֶעם הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעטוּן דִי זַאכְן.

וָואס דַארְפְסְטוּ מֶער פוּן דֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "נָאךְ אַ מַזָּל עֶס אִיז גֶעוֶועעֶן צְוֵויי זִילְבֶּערְנֶע לַייכְטֶער בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיפְ'ן טִישׁ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּם רֶבִּי'ן, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיין פוּן רֶבִּי'ן"; עֶס הָאט גֶעהַאט אַ פָּנִים פוּן אַ רֶבִּי.

וֶוער עֶס הָאט גֶעקֶענְט אַבִּיסְל מוֹהֲרָא"ש וַוייסְט אַז מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶועעֶן זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי זַאכְן, מוֹהֲרָא"ש הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעהַאט אֵיין

כַּוָּנָה: 'אַריינבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, און מְגַלֶּה זַיין דִי עֵצוֹת פון הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן'; אַזוֹי ווִי אֵיינֶער פון דִי גִבּוֹרִים הָאבְּן דֶערְצֵיילְט פַּארְ'ן בַּעַל תְּפִלָּה (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה בַּעַל תְּפִלָּה - מַעֲשֶׂה יב), דֶער גִיבּוֹר זָאגְט אַז עֶר מֵיינְט דֶערְמִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, מִיט דֶעם וָואס עֶר גֵייט אָפְּנֶעמֶען דִי וֶועלְט; עֶר מֵיינְט נִישְׁט דָאס אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין אוּנְטֶער אִים, נָאר עֶר מֵיינְט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, זַיין כַּוָּנָה אִיז, טָאמֶער וֶועט עֶר קֶענֶען טְרֶעפְן דֶעם קֶענִיג מִיט זַיינֶע לַייט, עַיֵּין שָׁם.

עֶס אִיז דָא אַסאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן בְּנוֹגֵעַ דִי זַאךְ וֶוען מוֹהֲרַ"ש הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אָנְטוּן דִי קָאלִירְטֶע בֶּעקִיטְשֶׁעס; אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס הָאט זִיךְ גֶעטוּן אוּנְטֶער דִי שֵׁיינֶע בֶּעקִיטְשֶׁע, אוּנְטֶער דִי קָאלִירְטֶע בֶּעקִיטְשֶׁע; דָארְט אִיז גֶעלִיגְן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין! מוֹהֲרַ"ש שְׁרַייבְּט אַ לָשׁוֹן אִין דִי צַוָּואָה (צַוָּואַת מוֹהֲרַ"ש, אוֹת ה): "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט און קֶען מַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ וֶועלְכֶע אִיז צֶעבְּרָאכְן אוֹיף טוֹיזְנְטֶער שְׁטִיקְלֶעךְ, כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר"; פוּן אִינְדְרוֹיסְן הָאט מֶען דָאס נִישְׁט גֶעזֶען, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּחִינָה אַזוֹי ווִי בַּיים צַדִיק הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע וִויטֶעבְּסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

מוֹהֲרַ"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע וִויטֶעבְּסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אִין הַארְצְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ צֶערִיסְן און צֶעשְׁנִיטְן, בִּיז זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "מֶענְדְל מֶענְדְל, וֶוען דוּ גֵייסְט אִין גַאס זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דוּ בִּיסְט גְרֶעסֶער פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם"; מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט דָאס נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעשְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, פוּן אִינְדְרוֹיסְן הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעווּיסְט וָואס דָא גֵייט פָּאר, מֶען הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף אִים וְכוּ'; וַוייל עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן מִיט טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, רֶבִּי'שֶׁע קְלֵיידֶער, מֶען הָאט גֶעטְרַאכְט אוֹיף אִים וָואס מֶען הָאט גֶעטְרַאכְט וְכוּ'; אָבֶּער עֶר פַאר זִיךְ אִיז גֶעוֶוען גָארְנִישְׁט מִיט גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶע'חַתְמְ'עט: "הַשָּׁפָל בֶּאֱמֶת".

מוֹהֲרָא״ש פְלֶעגְט מִיט אוּנְז אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דִי זַאךְ, מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז וֶוער עֶס גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער, אוּן דִי קָאפּ פַּאלְט אִים אוֹיף דִי זַייט - דֶער אִיז אַן עָנָיו, אוּן דֶער וָואס גֵייט מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער - דֶער אִיז אַ בַּעַל גַּאֲוָה; מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶועןן אַז דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין עֲנָוָה, דָאס אִיז חֲנוּפָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קצז): ״כִּי בְוַדַּאי אֵין זֶה מַעֲלַת הָעֲנָוָה לְהַרְאוֹת עַצְמוֹ בִּכְפִיפַת רֹאשׁ בְּדֶרֶךְ שְׁטוּת כְּאִלּוּ הוּא עָנָו, כִּי זֶה עֲנָוָה פְּסוּלָה, וְעִקַּר הָעֲנָוָה כְּשֶׁהִיא בְּחָכְמָה״, עֲנָוָה אִיז בְּדַעַת, דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין זַאךְ וָואס מֶען זֶעט פוּן אִינְדְרוֹיסְן, עַיֵּין שָׁם.

הָעִקָּר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, לָאז זִיךְ נִישְׁט נַארְן, בָּזֶה הָעוֹלָם קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר גוּט אָפְּנַארְן; וָואס הָאט דָאס מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - צִי אִין בְּרֶסְלֶב מֶעג מֶען הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע בֶּעקִיטְשֶׁע אָדֶער נִישְׁט? וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן נֶעכְטְן? וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן אַייעֶר נֶעכְטְן? הָאסְט גֶעלֶערְנְט מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, מֶדְרָשׁ אוּן הֲלָכָה? הָאסְט גֶעדַאוֶוענְט דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן מִיט כַּוָּונָה? הָאסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶועןן?

אִיךְ עֶנְטְפֶער דִיר דִי נַארִישֶׁע קַשְׁיָא נָאר וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר, דוּ אַלֵיינְס הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְטְרַאכְטְן אַזַא שְׁאֵלָה, דוּ הָאסְט זִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן מִיט לֵצִים, זֵיי הָאבְּן אִין דִיר אַרַיינְגֶעלֵייגְט סַם, דוּ בִּיסְט אִין אַ סַכָּנָה פוּן אָפְּלָאזְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים, דַיין חִיזּוּק אוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

אִיךְ גֶעדֶענְק מִיט יָארְן צוּרִיק וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְוִוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי חִיזּוּק פוּן מוֹהֲרָא״ש, דֶער לֶעבְּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין אַ לֶעבֶּעדִיגֶע זַאךְ - בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער דִי אַלֶע מְנִיעוֹת וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, מֶען הָאט צוּ מִיר גֶערֶעדְט דִי זַאכְן, הֲיִתָּכֵן מוֹהֲרָא״ש דַאוֶוענְט מִיט אַ שְׁטֶענְדֶער בַּיים מִזְרָח וַואנְט, אִין בְּרֶסְלֶב אִיז דָאס נִישְׁטָא! הֲיִתָּכֵן מוֹהֲרָא״ש גֵייט אַ בֶּעקִיטְשֶׁע? דִי אַלֶע זַאכְן וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט גֶעטְרַאכְט ׳אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ אִיד וָואס בְּרֶענְגְט מִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועל אִיךְ אִים נִישְׁט אָפְּלָאזְן, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין; אִיךְ דַארְף נִישְׁט בְּרֶסְלֶב,

איךְ דַארְף נִישְׁט זְקֵנִים, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם, אִיךְ דַארְף דֶעם אִיד וָואס קֶען מִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אִיד וָואס קֶען מִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּ דִי תּוֹרָה אוּן מִיר גֶעבְּן שָׁלוֹם בַּיִת׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן נִישְׁט זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט דִי קַטְנוּת, מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן - וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שנד): ״עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם״, אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, ״עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים״, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן, ״וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי״, אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; ״כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז״, וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פוּס צוּם טִיר (דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פוּס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר), דֶעמָאלְט וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ בַּאטְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: ׳פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן?! וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט׳, אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ נִיטְל נַאכְט וֶוען עֶס פַאלְט אוֹיס שַׁבָּת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווִי אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ נִיטְל נַאכְט וֶוען עֶס פַאלְט אוֹיס שַׁבָּת? וָואס קֶען מֶען יָא לֶערְנֶען און וָואס לֶערְנְט מֶען נִישְׁט? חזוּק בְּרִיוְון פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֶען מֶען לֶערְנֶען? און וָואס אִיז לְגַבֵּי זְמִירוֹת שַׁבָּת און דִּבְרֵי תּוֹרָה בַּיים שַׁבָּת טִישׁ?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן נִיטְל.**

**לֶערְן און זַיי זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דִי בְּרִיוְון פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, זִינְג זְמִירוֹת און דֶערְצֵייל שֵׁיינֶע זַאכְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אַ זְכִיָּ' צוּ הָאבְּן אַ מַאן אַ מְשַׁמֵּשׁ בַּיים רֶבִּי'ן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**
**מָרַת ... תְּחִיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַייעֶר מִשְׁפָּחָה בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ.

אִיךְ וֶועל דֶערְצֵיילְן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַלֶעס וָואס אַייעֶר מַאן טוּט פַאר אוּנְזֶער קְהִילָה; עֶס אִיז נִישְׁט צוּם בַּאגְרֵייפְן וָואס אֵיין מֶענְטְשׁ טוּט אַלְץ, פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְ'ן בֵּית הַתַּבְשִׁיל, תּוֹמְכֵי שַׁבָּת פַאר מִשְׁפָּחוֹת נִצְרָכִים, מִיט אַלֶעס, וּבִפְרַט מִיטְ'ן זוֹיבֶּערְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

נֶעמְט אַייךְ נִישְׁט צוּם הַארְצְן וֶוען פְרוֹיעֶן רוּפְן זִיךְ אָן נָאכְן פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם, וֶוען אַייעֶר מַאן קוּמְט אַרוֹיסְשִׁיקְן דִי פְרוֹיעֶן צוּ קֶענֶען אוֹיפְרוֹימֶען דִי שׁוּל - וֶוערְטֶער פוּן חוֹזֶק אוֹיף אִים; נֶעמְט עֶס נִישְׁט צוּם הַארְצְן, זֵיי מֵיינֶען גָארְנִישְׁט, אַייעֶר מַאן הֶעלְפְט מִיר, עֶר אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וֶועם עֶס גֵייט אָן אַז דִי שׁוּל זָאל זַיין גְרֵייט אוּן זוֹיבֶּער אִינְדֶערְפְרִי.

שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן שְׁטַארְקְט אַייעֶר מַאן עֶר זָאל בְּלַייבְּן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, עֶס זָאל אַייךְ זַיין אַ זְכִיָּ' צוּ הָאבְּן אַ מַאן אַ מְשַׁמֵּשׁ בַּיים רֶבִּי'ן, אוּן זַייט דַן יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת; קֵיינֶער מֵיינְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס, עֶס אִיז אַזַא אוֹיסְדְרוּק פוּן מֶענְטְשְׁן זִיךְ אָנְצוּרוּפְן, נִישְׁט טְרַאכְטְנְדִיג אַז אֶפְשָׁר וֶוערְט אֵיינֶער וֵויי גֶעטוּן.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים, פַאר אַייעֶר שֵׁיינֶע

מִשְׁפָּחָה, פַּאר אַייעֶרע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער - וֶועט זִיךְ עֶפֶּענֶען דִי הִימְלֶען אוּן עֶס וֶועט קוּמֶען נָאךְ חֲסָדִים.

...

## לָאזְט נִישְׁט אַרַיין בַּיי עֶנְק דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרע**

יֶעצְט וֶוען אִיר הָאט זִיךְ דֶערְוְוִיסְט אַז דִי יְשׁוּעָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי נָאנְט וְוִי אִיר הָאט גֶעמֵיינְט, וְוִיל אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן אִיר זָאלְט נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין קַיין עַצְבוּת.

אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז אַייךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיר וְוילְט שׁוֹין זֵייעֶר שְׁטַארְק זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא; אִיר זֶענְט גֶעוֶוען זִיכֶער אַז אִיר זֶענְט שׁוֹין גֶעהָאלְפְּן, בֶּעט אִיךְ אַייךְ, זַייט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, נֶעמְט אַרוֹיס דָאס גוּטְס, אִיר זֶעט פוּן דֶעם אַז אִיר קֶענְט הָאבְּן קִינְדֶער, אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט; אִיר וֶועט נָאךְ הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן; לָאזְט נִישְׁט אַרַיין בַּיי עֶנְק דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, וֶוערְט נִישְׁט פַארְכַאפְּט אִין סְפֵיקוֹת: ׳וָואס גֵייט זַיין? וֶוען וֶועט עֶס זַיין? וֶוער זָאגְט עֶס גֵייט זַיין?׳ מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, אַלֶע סְפֵיקוֹת קוּמְט פוּן טֻמְאַת עֲמָלֵק, עֲמָלֵק אִיז בְּגִימַטְרִיָּא סָפֵק, עֶר מַאכְט דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת פוּן (שְׁמוֹת יז, ז): ״הֲיֵשׁ ה׳ בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן״; דֶער רֶבִּי קֶעמְפְט מִיט עֲמָלֵק, דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א): ״עֶס אִיז בְּוַדַּאי יָא דָא״, יְשׁוּעַת ה׳ כְּהֶרֶף עַיִן!

חֲזַק, חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק!

...

## אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן זַיין וואוֹיל אִין סְקוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגְן דִי גוּטֶע גְרוּס וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי טִיטְשֶׁערְס אוֹיף אַייעֶר טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ׳.

אַלֶע זָאגְן אַז זִי אִיז אַן אוֹיסְנַאם מֵיידְל, פוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן אַזוֹי דֶערְוַואקְסְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זִי זָאל בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן בְּרֶענְגֶען פַאר אַייךְ נָאר נַחַת.

...

דָא הָאט אִיר אַ בְּרִיוו פַאר אַייעֶר טָאכְטֶער:

**דִי חָשׁוּבְ׳עֶ תַּלְמִידָה ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

מִיר בַּאקוּמֶען זֵייעֶר גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף אַייךְ, אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס זָאגְן אוֹיף אַייךְ נָאר גוּטְס; אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן זַיין וואוֹיל אִין סְקוּל, אִיר מַאכְט מִיר אַסַאךְ נַחַת אוּן דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ.

בַּאזוּנְדֶער קוּמְט אַייךְ אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן שְׁטֶענְדִיג זַיין גְרֵייט צוּ זַיין דִי בַּעַל תְּפִלָּה אִין קְלַאס. עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס הָאבְּן אַ ׳שְׁטִיק׳ פוּן נִישְׁט וֶועלְן זַיין בַּעַל תְּפִלָּה; אֵיין מֵיידְל זָאגְט אַז זִי וִויל נִישְׁט זַיין חַזָּן, אוּן אַסַאךְ מֵיידְלֶעךְ טַאנְצְן אִיר נָאךְ, מֵיינֶענְדִיג אַז וֶוער עֶס טוּט דִי שְׁטִיק - וֶוערְט גְרֶעסֶער. דִי טִיטְשֶׁער זָאגְט מִיר אַז אִיר זֶענְט שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט צוּ זַיין חַזָּן, מִן הַסְתָּם וֵוייסְן נִישְׁט דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סג): ״הַתְּפִלָּה שֶׁמִּתְפַּלְּלִין לִפְנֵי הָעַמּוּד בִּנְגִינָה הִיא סְגֻלָּה לְבָנִים״, זַיין אַ חַזָּן, אַ בַּעַל תְּפִלָּה - אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

וַוייזְט דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת.

...

## מֶען קֶען נִישְׁט אָנְצִינְדְן נִיגוּנִים פוּן זִינְגֶערְס וָואס נִישְׁט יֶעדֶער הֶערְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אוֹיף אַ שַׁבָּת זַיין צוּזַאמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִינְאֵיינֶעם.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער דִיר צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן דִי גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט וָואס אִיז דָא צְווִישְׁן זֵיי, אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט, אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מֶענְטְשְׁן; מַמָּשׁ אַ מְחַיֶ׳ צוּ זַיין דָא.

זָאג דַיין וַוייבּ, זִי דַארְף פַארְשְׁטֵיין אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעמְ׳ס גֶעפִילְן; וֶוען דִי פְרוֹיעֶן קוּמֶען זִיךְ צַאם אֵיינְמָאל אַ וָואךְ, מֶען טַאנְצְט אִינְאֵיינֶעם - קֶען מֶען נִישְׁט אָנְצִינְדְן נִיגוּנִים פוּן זִינְגֶערְס וָואס נִישְׁט יֶעדֶער הֶערְט. עֶס זֶענֶען פַארְהַאן מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ הֶערְן אוּן טַאנְצְן מִיט זִינְגֶערְס וָואס זִינְגֶען נִישְׁט חֲסִידִי׳שׁ, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אֵיינֶע פוּן דִי פְרוֹיעֶן זָאל אָנְגְרֵייטְן נִיגוּנִים וָואס אַלֶע קֶענֶען הֶערְן; עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען נִתְרַחֵק גֶעוָוארְן פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ נָאר צוּלִיבּ דֶעם.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳; בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ קֶענְט אִיר טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען אוֹיף וָואס עֶס מַאכְט עֶנְק פְרֵיילִיךְ.

...

## בִּזְכוּת דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ בֶּענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ח׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן, פֹּה יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ

**לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבְ׳עֶ מִשְׁפָּחַת ... שֶׁתִּחְיוּ, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען אוֹיף וָואס אִיר הָאט אַלְץ גֶעטוּן פַאר מִיר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי טִיקֶעטְס, דִי דִירָה אוּן דִי גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדוֹת; אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי אִינְדֶערְהֵיים, דִי עֶסְן אִיז גֶעוֶוען לַייכְט אוּן הֵיימִישׁ, אַלֶע טַעֲמִים.

בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

אַייעֶרֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעגֶעסְן שַׁבָּת בַּיינַאכְט מִיט מִיר, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט אַזוֹי וִוי דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ; זֵיי הָאבְּן דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, עֶס אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַ מְחַיֶ׳.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

...

## מִיטְ׳ן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת, הָאסְטוּ אַ גְלַייכֶע חֵלֶק אִין אַלֶע גוּטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ח׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן, פֹּה יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ

**לְכָבוֹד ...**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן הֶעלְפְן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִין אַמֶערִיקֶע, מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; דוּ הָאסְט אַ גְלַייכֶע חֵלֶק אִין אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט דַיין גַאנְץ לֶעבְּן בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### לוֹיף נִישְׁט נֶעמֶען סְתָּם אַבִּי אַן אַרְבֶּעט, וֶוער נִישְׁט יֶענֶעמְ׳ס עֶבֶד כְּנַעֲנִי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

בְּנוֹגֵעַ דִי דְזְשָׁאבּ וְכוּ׳; עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן בֶּעסֶערְס; זַיי נִישְׁט בַּאזָארְגְט, וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן, לוֹיף נִישְׁט נֶעמֶען סְתָּם אַבִּי אַן אַרְבֶּעט, וֶוער נִישְׁט יֶענֶעמְ׳ס עֶבֶד כְּנַעֲנִי. אוֹיךְ, וָואס פֶּעלְט דִיר אוֹיס צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט נִסְיוֹנוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד דָאס לֶעבְן אַז מֶען פַאלְט אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלַן.

דַאוֶונען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן דַיְקָא, זֵיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ אוּן תַּרְגוּם פוּנֶעם טָאג; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אוּן לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא - וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים, דוּ וֶועסְט הָאבְן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח, דוּ וֶועסְט הָאבְן גְרוֹיס שֶׁפַע.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט הֲפָּצָה; בְּרֶענְג אַרַיין דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן אִין דִי וֶועלְט אוֹיף דַיין וֶועג.

...

### דַיין סִיוּם מִשְׁנַיוֹת הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין הַיינְט פַארְטָאגְס אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פוּן מְחַזֵּק

זַיין דִי חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

מַיין פְּלַאן אִיז גֶעוֶוען גְלַייךְ צוּ גֵיין אִין יְשִׁיבָה, לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ גֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטוּבּ; אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ נִישְׁט גוּט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ. אִיךְ טוּ וָואס מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן מֶען זָאל טוּן, טְרִינְקֶען טֵיי און זָאגְן תְּהִלִּים.

אִיךְ זִיץ מִיט אַ תְּהִלִּים און אַ גְלֶעזְל טֵיי; פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט אַרַיין אַ טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ פון דִיר: "אַ גוּטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט דִי פֶערְצִיגְסְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס"; זָאלְסְט וִויסְן אַז דִי מֶעסִידְזְשׁ הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען כֹּחַ צוּ גֵיין צוּ דִי יָארְצַייט סְעוּדָה פון רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

וֶועסְט מִיר פְרֶעגְן וָואס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט? אַ גַאנְצְן טָאג הֶערְט דָאךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַזֶעלְכֶע סִיוּמִים! דִי גְרוֹיסְקֵייט אִיז, וֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז פַארְנוּמֶען צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; דָא רֶעדְט מֶען נִישְׁט פון אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן אִין כּוֹלֵל, נָאר אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט שְׁוֶוער צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אַזַא אֵיינֶער כַאפְּט אַרוֹיס צַייט צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת און אִיז מְסַיֵים דִי פֶערְצִיגְסְטֶע מָאל - דָאס אִיז מִיר נַחַת, דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ.

...

## מֶען קֶען נָאר הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס וִויל זִיךְ הֶעלְפְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, יָארְצַייט פון אוּנְזֶער גְרוֹיסְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיְחִי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן צוּרִיק גֶעקוּמֶען פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַ גַאנְצְן צַייט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַ שָׁאד אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט מִיט גֶעקוּמֶען, דוּ וָואלְסְט זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶה' גֶעוֶוען צוּ זֶען דִי הוּנְדֶערְטֶער פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; בִּפְרַט דֶער שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ וואוּנְדֶער, דִי פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים פִירְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט וֶוען דָארְט גֶעוֶוען.

דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז אַ פְּלַאץ וָואס אִיז מְחַזֵק יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדְן מַצָב, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט מוֹהֲרַא"שׁ גֶעוָואלְט דֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ זָאל זִיךְ פִירְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ; הַאֵיךְ יִתְקַיְמוּ שְׁנֵיהֶם - וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אוֹיסְפִירְן בֵּיידֶע? דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיס סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָּא; פוּן אֵיין זַייט אַז יֶעדֶער זָאל זִיךְ גֶעפוּנֶען דָאס פְּלַאץ אוּן אַז עֶס זָאל זַיין מַשְׁמַעַת.

בְּנוֹגֵעַ דַיין אֵיידֶעם נֵרוֹ יָאִיר; וָואס הָאט עֶר מוֹרָא אַלֵיינְס צוּ פְרֶעגְן? וָואס הָאט עֶר מוֹרָא אַלֵיינְס צוּ שְׁרַייבְּן? זַיי אִים מְחַזֵק עֶר זָאל אַלֵיינְס פְרֶעגְן, אוֹיבּ פְרֶעגְט עֶר דִיר - קֶענְסְטוּ אִים עֶנְטְפֶערְן.

בְּנוֹגֵעַ דֶער בָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר; מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן, מֶען קֶען נָאר הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס ווִיל זִיךְ הֶעלְפְן, אִיךְ הָאבּ אִים אַוֶועק גֶעגֶעבְּן צֶענְדְלִיגֶער שָׁעוֹת, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אוּנְטֶער גֶעשִׁיקְט מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן רֶעדְן מִיט אִים דִבְרֵי חִיזוּק וְכוּ' וְכוּ'; אַז עֶר ווִיל נִישְׁט - קֶען מֶען נִישְׁט הֶעלְפְן.

בְּנוֹגֵעַ הַדְפָּסָה, וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז מֶען הָאט דָאס גֶעעֶפְנְט נָאר כְּדֵי דִי בָּחוּרִים זָאלְן הָאבְּן מִיט וָואס צוּ זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט; שְׁתֵּי תְּשׁוּבוֹת בַּדָבָר, אֵיינְס, נִישְׁט מַמָשׁ אַזוֹי, מֶען הָאט גֶעעֶפְנְט דִי הַדְפָּסָה צוּ הֶעלְפְן דִי מְפִיצִים זֵיי זָאלְן הָאבְּן פַּאר בִּילִיג סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים וְכוּ'. צְוֵויי, אַז דִי יְשִׁיבָה אִיז לְעֵת עַתָּה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ אַז בָּחוּרִים זָאלְן אַרְבֶּעטְן אִין הַדְפָּסָה.

...

## צוּזַאמְרוּפְן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה צוּם סִיוּם הַשַׁ"ס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, יָארְצַייט פוּן אוּנְזֶער גְרוֹיסְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיְחִי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס - תַּלְמוּד בַּבְלִי.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט אַ סִיוּם הַשַׁ"ס בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ

מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; זֵייעֶר שֵׁיין, זֵייעֶר קְלוּג; וָואלְסְט אָבֶּער גֶעדַארְפְט רוּפְן דַיין טַאטֶע מַאמֶע, שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער – זֵיי זָאלְן שֶׁעפְּן נַחַת. דָאס אִיז דָאךְ דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ פַאר עֶלְטֶערְן, וֶוען זֵיי זֶעעֶן דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט זֵיי כָּאטְשִׁיג אַיינְגֶעמָאלְדְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס.

הוֹיבּ אָן נָאכְמַאמָאל לֶערְנֶען שַׁ״ס – תַּלְמוּד בַּבְלִי – כְּסִדְרָן; מַאךְ זִיךְ צְוֵויי שִׁיעוּרִים, אֵיין שִׁיעוּר – דֶער בְּלַאט גְּמָרָא וָואס מִיר לֶערְנֶען אִינְאֵיינֶעם יֶעדְן טָאג (הַיינְט הֵייבְּט מֶען אָן מַסֶכֶת מְגִלָּה), אוּן נָאךְ אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ״ס כְּסִדְרָן.

לֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אִין שְׁטוּבּ, דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זֶען אַז דוּ לֶערְנְסְט וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ לֶערְנֶען, דַיין וַוייבּ וֶועט זֶען אַז דוּ לֶערְנְסְט – וֶועט זִי שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן; אַ פְּרוֹוּ אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער אוֹיפְצוּבְּרֶענְגֶען קִינְדֶער, וֶוען זִי זֶעט אִיר מַאן לֶערְנֶען גֶעבְּט אִיר דָאס כֹּחַ.

...

## מֶען וֶועט בַּאצָאלְן אַלֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט וָואס הַאלְטְן אַיין דִי זְמַנֵּי הַכּוֹלֵל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבְ׳עֶ כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט בְּקִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, נְיוּ יָארְק**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועט מֶען בַּאצָאלְן אַלֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט וָואס קוּמֶען צַייטְלִיךְ אוּן הַאלְטְן אַיין דִי זְמַנֵּי הַכּוֹלֵל, דִי אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס קוּמֶען נִישְׁט צַייטְלִיךְ – וֶועלְן נִישְׁט בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט אוֹיף דִי וָואךְ, נָאר לוֹיט וִויפִיל זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען.

...

נ.ב. בִּיטֶע זִיךְ צֵייכֶענֶען אוּן אַרַיינְשִׁיקְן דִי צֶעטְלֶעךְ אִין יְשִׁיבָה.

...

## נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן מֶענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען אֵיינֶער הָאט דִיךְ בַּא׳גַנֶב׳עֶט מִיט אַ הַאלְבּ מִילְיָאן דָאלֶער - זָאלְסְטוּ שׁוֹין גְלֵייבְּן וָואס מוֹהֲרַא״שׁ לֶערְנְט אוּנְז, מִיר זָאלְן קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן.

אַז מֶען קֶען אַוֶועקְלֵייגְן גֶעלְט - דַארְף מֶען דָאס קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט וִויסְן דַיינֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת. אוֹיבּ מֶען זָאגְט פַּאר מִשְׁפָּחָה אָדֶער נָאנְטֶע וִויפִיל גֶעלְט מֶען הָאט - וֶועלְן זֵיי נָאכְדֶעם קוּמֶען מִיט אַ שְׁפִּיל דָאס אַרוֹיס׳גַנְבְ׳עֶנֶען, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט זָאגְן פְּרִיוַואטֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה בְּמִנְיָן; שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ. דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן בְּרֶענְגְט דָּבָר שֶׁבְּמִנְיָן, אַזוֹי זָאגְט מוֹהֲרַא״שׁ, דַאוֶוענֶען בְּרֶענְגְט שֶׁפַע. דַאוֶוענֶען הַאלְט דֶעם אִיד בִּקְדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל, דַאוֶוענֶען מַאכְט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן מוּטְשֶׁען, זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין פַארְטְרִיבֶּענֶע (עַיֵּין סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן לו).

...

## נִישְׁט זִיצְן בַּאקְוֶועם בַּיים רֶבִּי׳ן, נָאר טְרַאכְטְן אוֹיךְ פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס דַארְף דִיר גֶעבְּן חִיזּוּק פַּאר הַפָּצָה; אַז אַ בַּעַל דַּרְשָׁן שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף רֶעדְן פַאר עֶלְטֶערְן פוּן אַ מוֹסָד אוּן זָאגְט: ״דָא קֶען אִיךְ זָאגְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נִידְרִיגְקֵייט פוּנֶעם דוֹר, אַז מַאן אוּן וַוייבּ שְׁפַּאצִירְן אִינְאֵיינֶעם!״

דֶער בַּעַל דַּרְשָׁן זָאגְט: "דָאס אִיז אַזוֹי ווִי מֶען גֵייט שְׁפַּאצִירְן מִיט אַ הוּנְט!"

פְרֶעג אִיךְ דִיר, אִיז נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל? זֶענֶען מֶענְטְשְׁן נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת?! דֶער בַּעַל דַּרְשָׁן אִיז מַיין קָרוֹב, אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף אִים, אִיךְ וָואלְט מִן הַסְּתָם אוֹיךְ דָאס גֶערֶעדְט וֶוען אִיךְ וֵוייס וֶוען נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן.

אַנְשְׁטָאט רֶעדְן צוּ עֶלְטֶערְן פוּן וויכְטִיגֶע זַאכְן; פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, פוּן מַאכְן פְרֵיילִיכֶע סְעוּדוֹת, פוּן נִישְׁט רֶעדְן פָּאלִיטִיק אִין שְׁטוּבּ - רֶעדְט עֶר אַזֶעלְכֶע שְׁטוּתִים...

דָאס דַארְף אוּנְז אוֹיפְוֶועקְן פוּן אוּנְזֶער בַּאקְוֶועמְקֵייט בַּיים רֶבִּי'ן, מִיר זָאלְן טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי אוֹיךְ גֶעבְּן טוֹעֵם צוּ זַיין פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין.

שְׁטַארְק זִיךְ; זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט'ן דְרוּקְן דִי שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה. אֵיינְמָאל דוּ הָאסְט פוּן אַסַאךְ וָואכְן, עֶס אִיז שׁוֹין דָא צוּ מַאכְן אַ סֵפֶר - אִיז כְּדַאי דָאס צוּ דְרוּקְן פַאר אַ סֵפֶר; דָאס נָאכְאַמָאל מַגִּיהַּ זַיין אוּן שֵׁיין אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין דֶערְמִיט.

...

## פַאר דוּ טוּסְט נֵייעֶ זַאכְן, קוּם פְרֶעגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער, הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט זָאגְט מִיר אֵיינֶער פוּן דִי בָּחוּרִים אַז דוּ גֵייסְט אַרוּם צַאמְעֶנְעמֶען גֶעלְט אַרוֹיסְצוּשִׁיקְן אוֹיף פָּאסְט פַאר גַאנְץ קִרְיַת יוֹאֵל דִי שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן, פַאר דוּ טוּסְט נֵייעֶ זַאכְן - קוּם פְרֶעגְן; צוּמָאל לוֹינְט נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען, זִיךְ צוּ רֵייצְן; עֶנְדֶערְשׁ דַארְפְן מִיר גֵיין הֶהָפָצָה אוֹיף דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: מִיַּד לְיַד, מִבַּיִת לַבַּיִת; פוּן טִיר צוּ טִיר - דִי וֶועג אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן הֶהָפָצָה.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנְחוּמָא תִשָּׂא, לא) דִי עֶרְשְׁטֶע לוּחוֹת אִיז צֶעבְּרָאכְן

גֶעוָוארְן וַוייל עֶס אִיז גֶעקוּמֶען מִיט אַ רַעַשׁ, מִיט אַ פִּרְסוּם, ווידֶער דִי צְוֶוייטֶע לוּחוֹת אִיז גֶעקוּמֶען אָן אַ רַעַשׁ, אָן אַ פִּרְסוּם - הָאט זִיךְ דָאס גֶעהַאלְטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, נוּץ אוֹיס דִי טֶעג בֶּעפָאר דַיין חֲתוּנָה, אוּן מַאךְ פְרֵיילִיךְ דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה; רֶעד מִיט יֶעדְן, שְׁמֵייכְל צוּ אַלֶעמֶען.

...

## רֶעד מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט, דוּ הָאסְט גֶעכַאפְּט פֶּעטְשׁ פוּן וְכוּ׳; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן אָנְנֶעמֶען דִי בִּזְיוֹנוֹת אוּן דִיר גֶעבְּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

בַּיי מִיר בִּיסְטוּ זֵייעֶר חָשׁוּב, אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ; זֵיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם, בְּלַייבּ שְׁטַארְק מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ; סַיי מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן סַיי מִיט הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה.

מַאךְ זִיךְ אַ צַייט צוּ רֶעדְן מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה. אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַז דוּ הָאסְט אַ גוּטֶע וֵוייכֶע הַארְץ, דוּ בִּיסְט גוּט פַאר דֶעם. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְגִילָה ג:) מֵת מִצְוָה קוּמְט פַאר אַלֶע מִצְוֹת, עֶס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

...

## שְׁפִּירְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל וָואס מֶען שְׁפִּירְט בַּיים לֶערְנֶען אֲשֶׁר בַּנַּחַל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאַי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז שׁוֹין צוּרִיק אָפְן צוּם בַּאנוּץ, אוֹיךְ אִיז דִי מִקְוֶה אָפְן.

אִיךְ הָאף אַז דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ״א וֶועט דַאוֶּועןנֶען דָארְט, וֶועט עֶס זַיין אַ שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַארְ'ן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן פַאר דִי מִתְפַּלְּלִים. דִי תְּפִילּוֹת זָאל מֶען וַוארְטְן אוֹיפְ'ן דַיָּין שְׁלִיטָ״א, אוֹיךְ זָאל עֶר רֶעדְן בַּיי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת אוּן שָׁלשׁ סְעוּדוֹת.

אִיךְ וֶועל אוֹיפְנֶעמֶען נָאךְ אַ גַבְּאַי אַז דִי עוֹל פוּנֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאל נִישְׁט פַאלְן אוֹיף דִיר אַלֵיין.

זֶע עֶס זָאל זַיין רֵיין; בְּרֶענְג נִישְׁט עֶסְן עֶס זָאל גֵיין אִין מִיסְט, בְּרֶענְג נָאר וִויפִיל מֶען דַארְף; שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אַבִּיסְל מְזוֹנוֹת, אוּן בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת - אַבִּיסְל מַצָּה מִיט אַבִּיסְל פִישׁ, אוּן טְרִינְקֶען.

זֶע עֶס זָאל זַיין קַאוֶע אוּן טֵיי; מֶען קוּמְט אַ לַאנְגֶע וֶועג, אַ קַאלְטֶע וֶועג; מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען אָנְוַוארֶעמֶען.

וְהָעִקָּר (אָבוֹת א, טו): ״הֱוֵי מְקַבֵּל אֶת כָּל הָאָדָם בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת״, נֶעם אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ שְׁמֵייכְל, יֶעדֶער זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן גוּט; מֶען זָאל שְׁפִּירְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל וָואס מֶען שְׁפִּירְט בַּיים לֶערְנֶען אֲשֶׁר בַּנַּחַל.

...

## חַס וְשָׁלוֹם וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵיידְט אִין מַחֲלֹקֶת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ פִירְסְט דַיין שְׁטוּבּ בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, דוּ אוּן דַיין וַוייבּ גְרֵייטְן אָן נֶעגְל וַואסֶער, אִיר גֵייט נִישְׁט אַרָאפּ פוּן בֶּעט אָן אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער; דָאס אִיז דִי פוּנְדַאמֶענְט פוּן אַ רֵיינֶע שְׁטוּבּ.

בְּנוֹגֵעַ דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער וָואס קְרִיגְן זִיךְ אוּן דַיין וַוייבּ וֶוערְט אַרַיינְגֶעמִישְׁט; זָאג דַיין וַוייבּ אַז זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן, זִי זָאל שְׁטֵיין פוּן דִי זַייט. עֶס אִיז זֵייעֶר וֵוייטָאגְלִיךְ פַאר קִינְדֶער צוּ זֶען ווִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרָע זִיךְ אַרַיין צוּ מִישְׁן; מֶען דַארְף אָבֶּער טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּן חַס וְשָׁלוֹם וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵיידְט אִין מַחֲלֹקֶת.

דוּ זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, אוּן דַיין וַוייבּ זָאל זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים, אוּן בֵּיידֶע פוּן עֶנְק זָאלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶנְקֶער פָּשׁוּטְ'עֶ שְׁפְּרַאךְ אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט; וֶועט אִיר הָאבְּן אַ גַן עֵדֶן לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט.

...

## ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט שֵׂכֶל צוּ נוּצְן זַיין גֶעלְט אִין גוּטֶע אִינְוֶועסְטְמֶענְטְס

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַארְף הָאבְּן גֶעלְט צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן, אוּן צוּ עֶנְדִיגְן אָפְּקוֹיפְן דִי בִּנְיָן פַאר הַדְפָּסָה; אִיךְ דַארְף אַ הַאלְבּ מִילְיָאן דָאלֶער.

אִיךְ טְרַאכְט אַסַאךְ פוּן וֶועם צוּ בָּארְגְן, יֶעצְט טְרַאכְט אִיךְ אַז אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיר פַארְבָּארְגְן אַ הַאלְבּ מִילְיָאן דָאלֶער פַאר דְרֵיי יָאר, בִּיז חֲנוּכָּה תשפ"ה; לָאז מִיר ווִיסְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק

אִין דִי הֵיילִיגֶע זַאכְן וָואס מִיר טוּעֶן.

ווארויל אִיז דֶעם וָואס הָאט שֵׂכֶל צוּ נוּצְן זַיין גֶעלְט אִין גוּטֶע אִינְוֶועסְטְמֶענְטְס, אִין זִיכֶערֶע אִינְוֶועסְטְמֶענְטְס; וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען מִיט זַיין גֶעלְט וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען.

...

## מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן הַאלְטְן דִי זְמַנִּים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, דַיין לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער מִיט גוּטֶע זַאכְן; דַיין פְּלָאג אוּן דַיין מוּטְשֶׁע אִיז אוֹיף אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן קִינְדֶער, אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. אַנְדֶערֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בִּיזְנֶעס, מֶען אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ בּוֹיעֶן אַ בִּיזְנֶעס - פַארְוֶועם? פַארְוָואס? פַאר וֶוען? ווי לַאנְג לֶעבְּט מֶען דֶען? ווי לַאנְג אִיז מֶען דָא? מֶען גֵייט דָאךְ בַּאלְד אַהֵיים, וָואס בְּלַייבְּט פוּן דִי בִּיזְנֶעס...? אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער, מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה - דָאס אִיז אַ נִצְחִיּוּת.

בְּנוֹגֵעַ דֶער מְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר קוּמְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ וְכוּ'; אוֹיבּ אִיז אַזוֹי ווִי דוּ זָאגְסְט, עֶר קוּמְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ - זָאלְסְטוּ אִים אַוֶועק שִׁיקְן, אַ מְלַמֵּד אָדֶער טִיטְשֶׁער וָואס הַאלְטְן נִישְׁט דִי זְמַנִּים זָאל זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע פָּאסְטְן, דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (פֶּרֶק ב' מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, הֲלָכָה ד): "מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת שֶׁהוּא מַנִּיחַ אֶת הַתִּינוֹקוֹת וְיוֹצֵא, אוֹ שֶׁהוּא עוֹשֶׂה מְלָאכָה אַחֶרֶת עִמָּהֶן, אוֹ שֶׁהוּא מִתְרַשֵּׁל בְּתַלְמוּדָן - הֲרֵי הוּא בִּכְלַל 'אָרוּר עוֹשֶׂה מְלֶאכֶת ה' רְמִיָּה' (יִרְמְיָה מח, י)"; דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן זַיין מְלַמְדִים; דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אַ מְלַמֵּד: "וויפִיל פַארְדִינְסְטוּ אַ וָואךְ שְׂכַר לִימּוּד? צֶעטֵייל דַיין גֶעלְט אוֹיף'ן טָאג אוּן אוֹיפְ'ן שָׁעָה, וויפִיל

קוּמְט דִיר אוֹיס צוּ מַאכְן אַ מִינוּט? מַמָּשׁ קְלֵיין גֶעלְט, פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן יֶענֶע וֶועלְט פַאר בְּלוֹיז אַפָּאר דָאלֶער; וַוייל וֶוען מֶען גַנְבְ'עֶט גֶעלְט פוּן אַ צְוֵוייטְן קֶען מֶען דָאס בַּאצָאלְן אוּן יֶענֶער קֶען דָאס מוֹחֵל זַיין, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז מְבַטֵּל תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער קֶען מֶען דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מוֹחֵל זַיין (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמ)".

בְּנוֹגֵעַ דִי קִינְדֶער פוּן מִשְׁפַּחַת ..., אַז דֶער קִינְד קֶען נִישְׁט קַיין עִבְרִי אוּן מֶען דַארְף צוּלֶערְנֶען מִיט אִים, מֶען דַארְף דִינְגֶען אַ מְלַמֵּד פַאר אִים; רֶעד מִיטְ'ן טַאטְן, עֶר דַארְף בַּאצָאלְן.

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, ווִיל אִיךְ דוּ זָאלְסְט זָאגְן פַאר הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר זָאל ווִיסְן אַז מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ בִּיטֶער שְׁוֶוער מִיט דִי קִינְדֶער פוּן דִי מִשְׁפָּחָה. דֶער מְלַמֵּד הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר - וֶוערְט מַמָּשׁ קְרַאנְק פוּן דֶעם קִינְד; עֶר זָאל ווִיסְן אַז וֶוען עֶר זוּכְט צוּ בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער צוּם תַּלְמוּד תּוֹרָה - אַז דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט, עֶנְדֶערְשׁ זָאל עֶר שְׁתַּדְלְ'ן אַרַיין צוּ לֵייגְן דִי קִינְדֶער אִין גְרוֹיסֶע מוֹסְדוֹת.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם קִינְד ...; נִישְׁט מַאכְן קַיין אוֹיסְנַאם אִין דִי שָׁעוֹת פוּן חֵדֶר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעמְט זִיךְ פָּאר נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיר קֶענְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַ גוּטֶע קַבָּלָה פַאר אַ רְפוּאָה פַאר אַייעֶר קִינְד.

נֶעמְט זִיךְ פָּאר נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן; אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגְן עֶס אִיז אַ עֶקְלְדִיגֶע זַאךְ צוּ רֶעדְן טָאג אוּן נַאכְט פוּן אַנְדֶערֶע, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן רֶעדְן פוּן אַ צְוֵוייטְנְ'ס פְּרִיוַואטֶע זַאכְן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית ח.) וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן דִי חַיוֹת גֵיין צוּם שְׁלַאנְג אוּן אִים

פְרֶעגְן: "פַארְוָואס בַייסְטוּ מֶענְטְשְׁן? וָואס פַאר אַ הֲנָאָה הָאסְטוּ פוּן דֶעם?! וֶוען מִיר פַארְצִיקְן אַ בַּאשֶׁעפֶענִישׁ הָאבְּן מִיר הֲנָאָה, מִיר הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן, מִיר שְׁטִילְן אוּנְזֶער הוּנְגֶער; אָבֶּער דוּ שְׁלַאנְג - וָואס הָאסְטוּ פוּן בַּייסְן אַנְדֶערֶע אוּן זֵיי פַארְ׳סַם׳ן, דוּ עֶסְט זֵיי דָאךְ נִישְׁט אוֹיף, דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין דֶעם? דוּ שְׁפִּירְסְט דָאךְ נָאר אַ טַעַם פוּן עֶרְד!" וֶועט דִי שְׁלַאנְג עֶנְטְפֶערְן: "וָואס ווילְט אִיר פוּן מִיר? פְרֶעגְט דֶעם ׳בַּעַל הַלָּשׁוֹן׳ - דֶער וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע, דֶער וָואס פְּלַאפְּלְט אוּן דֶערְצֵיילְט לָשׁוֹן הָרָע, פְרֶעגְט אִים וָואס פַאר אַ הֲנָאָה עֶר הָאט פוּן דֶעם; עֶר אִיז דָאךְ אוֹיךְ אַ שְׁלַאנְג, עֶר שְׁטֶעכְט יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט זַיינֶע לָשׁוֹן הָרָע׳ס אוּן הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן?"

אַז אִיר וֶועט מֶער נִישְׁט רֶעדְן פוּן יֶענֶעמְ׳ס צָרוֹת - וֶועט אִיר זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, אַייעֶר קִינְד וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאט נָאךְ אַבִּיסְל סַבְלָנוּת, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט זַיין גוּט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאב גֶעלֵיינְט אַייעֶר פַארְוֵוייטָאגְטֶע בְּרִיוו; אִיר שְׁרַייבְּט זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע וֶוערְטֶער, אִיר ווילְט עֶנְדִיגְן אַייעֶר לֶעבְּן, אִיר קֶענְט נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דִי וֵוייטָאג פוּן אַייעֶר מַאמֶע; אַייעֶר טַאטֶע שְׁרֵייט אוּן פַארְשֶׁעמְט אִיר וֶוען אַלֶע קִינְדֶער הֶערְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיין נָארְמַאלֶע שְׁמוּעֶס צְווישְׁן זֵיי.

עֶס שְׁטֶעכְט מִיר זֵייעֶר אִין מַיין הַארְץ צוּ הֶערְן וָואס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער; אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעוּוּיסְט ווי וַוייט עֶס גֵייט, אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעוּוּיסְט ווי שְׁטַארְק אַייעֶר מַאמֶע לַיידְט; אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, הָאט נָאךְ אַבִּיסְל סַבְלָנוּת, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן מִיטְהַאלְטְן דִי קְרִיגֶערֵייעֶן פוּן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן איר זָאלְט בַּאקוּמֶען אַן עֶרְלִיכֶער חָתָן, אַן עֶרְלִיכֶער מַאן וָואס וֶועט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן שֵׁיין רֶעדְן צוּ אַייךְ, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַן עֶרְלִיכֶער מַאן; מִיט תְּפִלָּה וֶועט איר דָאס בַּאקוּמֶען, בֶּעטְס אָן אַ שִׁיעוּר אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן.

מִיר גֶעפִונֶען, לֵאָה הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל חַתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ צַדִיק. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (וַיְחִי, רכג.): "לֵאָה כָּל יוֹמָהָא, הֲוַת בְּפָרָשַׁת אוֹרְחִין קַיְימָא", לֵאָה פְלֶעגְט גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, "וּבָכַת", אוּן זִי הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בְּגִינֵיהּ דְיַעֲקֹב, כַּד שָׁמְעַת דְאִיהוּ צַדִיקָא", זִי הָאט גֶעוֵויינְט אַז זִי וִויל חַתוּנָה הָאבְּן מִיט דֶער צַדִיק יַעֲקֹב, "וּצְלוֹתָא אַקְדָמַת לֵיהּ", בִּיז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען חַתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט אִים, "רָחֵל לָא נָפְקַת לְאוֹרְחִין לְעַלְמָא, בְּגִינֵי כָּךְ זָכְתָה לֵאָה לְאִתְקַבְרָא עִמֵּיהּ", רָחֵל הָאט נִישְׁט גֶעדַאוֶועוְט אוֹיף דֶעם, דֶערִיבֶּער הָאט לֵאָה זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיךְ צוּ לִיגְן אִין מְעָרַת הַמַכְפֵּלָה מִיט יַעֲקֹב אָבִינוּ, וַוייל זִי הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ חַתוּנָה הָאבְּן מִיט דֶעם צַדִיק.

בֶּעטְס אוֹיף אַן עֶרְלִיכְן מַאן, נָאר עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת; אוֹיבּ אִיז דָא יִרְאַת שָׁמַיִם - דֶעמָאלְט רֶעדְט מֶען שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ; ווידֶערְאוּם דֶער וָואס הָאט נִישְׁט יִרְאַת שָׁמַיִם - פַּיינִיגְט דִי וַוייבּ, טְשֶׁעפֶּעט דִי וַוייבּ. מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ בַּאקוּמֶען אַ מַאן וָואס הָאט שַׁייְכוּת מִיט אַ צַדִיק, אַ מַאן וָואס פָאלְגְט אַ צַדִיק; דֶעמָאלְט אִיז דָאס לֶעבְּן זִיס.

איר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין אַייעֶר טַאטֶע אוּן אַייעֶר מַאמֶע; אוֹיבּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן, נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ לָאזְט דִיר גֵיין קַיין בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בַּיי מִיר אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען; וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְוִויסְט פוּן רֶבִּי'ן, עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶענֶען אִין מִיר דִי פֵייעֶר פוּן רֶבִּי'ן - הָאט מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' מִיר גֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער וָואס דַיין וַוייבּ זָאגְט דִיר, זִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן גֵיין קַיין בְּרֶסְלֶב, אִיךְ פַאר מִיר ווִיל אָבֶּער נִישְׁט זַיין בְּרֶסְלֶב, אִיךְ ווִיל נִישְׁט גֵיין דָארְט"; מִיר הָאט אָבֶּער יָא גֶעבְּרֶענְט אַז מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' זָאל קוּמֶען אוּן מִיטְהַאלְטְן אַלֶעס אִין בְּרֶסְלֶב, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעבֶּעטְן פוּן צַייט צוּ צַייט זִי זָאל קוּמֶען, זִי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, דָאךְ הָאט זִי מִיר גֶעוָואלְט צוּפְרִידְנְשְׁטֶעלְן אוּן זִי אִיז גֶעקוּמֶען דָא דָארְט צוּ מוֹהֲרַא"שׁ. אִין אָנְהֵייבּ אִיז יֶעדֶע מָאל גֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע זַאךְ, אַ גַאנְצֶע טוֹבָה, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעצִינְדְן בַּיי אִיר אוֹיךְ דִי פֵייעֶר פוּן רֶבִּי'ן.

אַז דַיין וַוייבּ אִיז ווִילִיג דוּ זָאלְסְט זַיין בַּיים רֶבִּי'ן, זִי ווִיל אָבֶּער נִישְׁט זַיין אַ חֵלֶק פוּן קְהִלַּת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס נָאךְ דַארְפְסְטוּ? אַז זִי שְׁטֶערְט דִיר נִישְׁט - בִּיסְטוּ שׁוֹין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער!

אִיךְ קֶען דִיר דֶערְצֵיילְן סִיפּוּרִים פוּן אִינְגֶעלַייט פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים אוּן אֲפִילוּ פוּן אַלְטֶע מְקוֹרָבִים, ווִי זֵיי זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, זֵיי דַארְפְן בַּאהַאלְטְן זֵייעֶר הִתְקָרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן וַוייל דִי וַוייבּ אִיז זִיךְ מִתְנַגֵּד דֶערְצוּ. יֶעדֶעס מָאל זֵיי קוּמֶען אִין שׁוּל צוּ אַ שִׁיעוּר אָדֶער אַ תְּפִלָּה - דַארְפְן זֵיי אוֹיסְשְׁפִּילְן דִי וַוייבּ, זֵיי זָאגְן הוּנְדֶערְט לִיגְנְטְס, וַוייל ווִי אַזוֹי עֶס גֵייט דָאךְ, יֶעדֶע לִיגְנְט וָואס מֶען זָאגְט - דַארְף מֶען הָאבְּן גְרֵייט נָאךְ אַפָּאר לִיגְנְטְס אַז אַלֶעס זָאל שְׁטִימֶען, זֵיי וֶוערְן מַמָּשׁ מְשׁוּגָע פוּן דַארְפְן אַזוֹי אַרוּמְשְׁפִּילְן.

הַיינְט שְׁרַייבְּט מִיר אַ פְרִישֶׁער מְקוֹרָב פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַז זַיין וַוייבּ ווִיל

נִישְׁט הֶערְן דָאס וָוארְט 'בְּרֶסְלֶב', זִי וִויל אֲפִילוּ נִישְׁט הֶערְן דָאס וָוארְט 'מִשְׁנַיוֹת' וַוייל אִין בְּרֶסְלֶב רֶעדְט מֶען פוּן לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, אִין בְּרֶסְלֶב לֶערְנְט מֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת; עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט זִיךְ, פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט זַיין וַוייבּ, זִי אִיז אַ גוּטֶע פְרוֹי, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ בְּרֶסְלֶב וֶוערְט זִי פַארְהַאקְט.

אַז דַיין וַוייבּ אִיז בַּאוִוילִיגְט דוּ זָאלְסְט זַיין בַּיים רֶבִּי'ן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן צַייט צוּ צַייט קֶענְסְטוּ אִיר נָאכְאַמָאל פְרֶעגְן אוֹיבּ זִי וִויל קוּמֶען צוּ אַ צַאמְקוּם אָדֶער אוֹיבּ זִי וִויל קוּמֶען אַ יוֹם טוֹב זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. שְׁלֶעפּ נִישְׁט מִיט כֹּחַ, נָאר שֵׁיינֶערְהֵייט אוּן וֵוייכֶערְהֵייט, וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיךְ אִין אִיר אָנְצִינְדְן דִי פֵייעֶר פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין דִי וָואכְן פוּן שׁוֹבָבִי"ם זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לִימוּד מִשְׁנַיוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, יֶעצְט וֶוען מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין דִי וָואכְן פוּן שׁוֹבָבִי"ם זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לִימוּד מִשְׁנַיוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ

שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז בִּשְׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה הַנַּ"ל פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען, דָאס נֶעמְט אַרוֹיס פוּן עֲבֵירוֹת - אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לִימוּד ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; מִשְׁנַיוֹת - דָאס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג; קוּק נִישְׁט אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט דָאס לֶערְנֶען אָדֶער נִישְׁט, דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חֲבוּרַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין מַאנְטְשֶׁעסְטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מַאנְטְשֶׁעסְטֶער**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס, עֶנְדְלִיךְ נָאךְ אַזוֹי לַאנְג וַוארְטְן הָאסְטוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן צוּ דֶער זַאךְ; הָאסְט צַאמְגֶענוּמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין מַאנְטְשֶׁעסְטֶער בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, מֶען הָאט זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי"ן, מִי יִתֵּן דוּ זָאלְסְט דָאס טוּן מִידֵי שָׁבוּעַ בְּשָׁבוּעַ; אָנְהֵייבְּן מִיט שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, נָאכְדֶעם אַלֶע תְּפִילוֹת, אוּן אוֹיךְ אִינְמִיטְן דִי וָואךְ.

אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט פַארְגֶעלֶערְנְט אַ בְּרִיוו פוּן פַּרְשַׁת וַיְחִי וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַארְיָאר פַאר תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם.

בֶּאֱמֶת זֶענֶען אַלֶע בְּרִיוּו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אַלֶעמֶען, אַלֶע קֶענֶען נוּצְן דִי חִיזּוּק פוּן דִי בְּרִיוּו, אֲפִילוּ דִי בְּרִיוּו אִיז אַדְרֶעסִירְט צוּ אַן אַנְדֶערֶע חַבוּרָה וְכוּ' - קֶען יֶעדֶער הָאבְּן גוּטֶע חִיזּוּק אוּן ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן.

עֶס אִיז אַ גוּטֶע גֶעדַאנְק פָארְצוּלֶערְנֶען בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת אַ בְּרִיוּו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אָדֶער אִישׁ אֱמוּנוֹת. זוּךְ אוֹיף אַ בְּרִיוּו וָואס רֶעדְט פוּן דִי פַּרְשָׁה אָדֶער פוּן דִי זְמַן אִין וָואס מֶען גֶעפִינְט זִיךְ, אָדֶער פוּן דִי עִנְיָן וָואס מֶען רֶעדְט אוּן דָאס זָאלְסְטוּ פָארְלֶערְנֶען.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַ גוּטֶע עֵצָה עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן אַ מָקוֹם פוּן לֵצִים, אַ פְּלַאץ פוּן הֶפְקֵרוּת - אַז דוּ וֶועסְט מַזְכִּיר זַיין דִי נָאמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; יֶעדֶע מָאל מֶען רֶעדְט אִין שׁוּל - זָאלְסְטוּ זָאגְן: "מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט", "מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן", "מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט", - וֶועלְן זֵיי נִישְׁט קוּמֶען צוּ אַייךְ.

בִּפְרַט אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן בְּשֵׁם דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וְכוּ' - וֶועט זַיין גָאר אַ שְׁטַארְקֶער דֶּרֶךְ אֶרֶץ, וַוייל דֶער לֵץ ווִיל אֵיין זַאךְ: 'קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט זָאגְן וָואס צוּ טוּן, אִיךְ וֵוייס בֶּעסֶער פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם'; וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֶעבְּט הָאט מֶען גֶעצִיטֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, דִי לֵצִים הָאבְּן דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט נֶעמֶען, הַיינְט אִיז שׁוֹין אַנְדֶערְשׁ.

אִיךְ הָאף דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ צְדָקָה קַאסֶע טָאר נִישְׁט גֶעפִירְט וֶוערְן דוּרְךְ אַ יָחִיד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס עֶר אִיז אַזוֹי פַאר'עַקְשְׁנְ'ט אוּן עֶר ווִיל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן הֶערְן, אוּן נָאכְמֶער וואוּנְדֶער אִיךְ זִיךְ אוֹיף דִיר, ווִיפִיל אִיךְ הָאבּ דִיר

גֶעבֶּעטְן זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִים אוּן אִים מְחַזֵּק זַיין - הָאסְטוּ זִיךְ אַלְץ אַרוֹיסְגֶעדְרֵיידְט אוּן יֶעצְט הָאט פַּאסִירְט וָואס הָאט פַּאסִירְט.

אִיךְ זָאג דִיר קְלָאר נָאכְאַמָאל וָואס אִיךְ הַאלְט, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ יָחִיד זָאל זִיצְן מִיט גֶעלְט פוּן צְדָקָה; זַיי נִישְׁט קֵיין אוֹיבֶּער חָכָם, אִיךְ וֵוייס וָואס אִיךְ זָאג, מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן גְרוֹיס גֶעלְט צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן גִלְיוֹנוֹת, בִּפְרַט דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל; מוֹהֲרָא"ש הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן זַיינֶע בְּרִיוו - וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. אַז מֶען שְׁטֶעלְט אוֹיף אַ קֶרֶן הַדְפָּסָה, מֶען נֶעמְט צַאם גֶעלְט - דַארְף זַיין אַפָּאר מֶענְטְשְׁן וָואס קוּקְן דוּרְךְ דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת. דוּ גֶעדֶענְקְסְט וָואס מוֹהֲרָא"ש אַלֵיינְס הָאט זִיךְ צַאמְגֶעלִיטְן בִּיזְן לֶעצְטְן טָאג פוּן זַיין לֶעבְּן, וִויפִיל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים בַּא'גַנְבְ'עֶט מִיט מִילְיָאנֶען שְׁקָלִים, נִישְׁט סְתָּם מֶענְטְשְׁן, נָאנְטֶע מֶענְטְשְׁן וֶועם מוֹהֲרָא"ש אַלֵיינְס הָאט גֶעשְׁטֶעלְט.

אִיךְ בִּין קֵיינֶעם נִישְׁט חוֹשֵׁד אוֹיף גְנֵיבָה, אִיךְ וִויל פָּשׁוּט עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי מוֹהֲרָא"ש אוּן וָואס הָאט שִׁיעֶר נִישְׁט פַּאסִירְט בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה, עֶס הָאט גֶעפֶעלְט אַ הָאר אַז דָאס זָאל פַּאסִירְן יָארְן צוּרִיק בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהִיטְן; דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען אַפָּאר אִינְגֶעלַייט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֵיי זָאלְן זַיין אַחֲרָאִי אוֹיף דִי גֶעלְט וָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען תּוֹרֵם צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דְרוּקְן זֵיי זָאלְן וַוייטֶער הֶעלְפְן מִיטְ'ן דְרוּקְן אוּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קֵיין מִכְשׁוֹל פוּן אוּנְזֶערֶע הֶענְט.

אוּן אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין וִויל אִיךְ אַז דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה פוּן קֶרֶן הַדְפָּסָה זָאלְן פוּן צַייט צוּ צַייט אִיבֶּערְגֵיין דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּן זֶען וָואס טוּט זִיךְ אִין בַּאנְק; נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ יָחִיד זָאל זִיצְן בַּיים שִׁיסְל, זָאל עֶר זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער מֶענְטְשׁ.

אָךְ אוּן וֵויי פַאר אַ צְדָקָה קַאסֶע וָואס וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְךְ אַ יָחִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וְועמֶען מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין צוּ רֶעדְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבָּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הֶער צוּרִיק הֶערְלִיכֶע שֵׁיינֶע גְרוּסְן אוֹיף דִי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִיךְ בַּאקוּם בְּרִיוּו פוּן דִי מִתְפַּלְּלִים, יֶעדֶער אִיז פְרֵיילִיךְ, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ זֵייעֶר גוּט.

בְּנוֹגֵעַ וִוי אַזוֹי מֶען זָאל רֶעדְן - אִידִישׁ אָדֶער לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ; הֱיוֹת רוֹב מִנְיָן רֶעדְן אִידִישׁ - וְוִיל אִיךְ דוּ זָאלְסְט רֶעדְן נָאר אִין אִידִישׁ. סַיי דִי שִׁיעוּרִים, סַיי דָאס אוֹיסְרוּפְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אַלֶעס זָאל זַיין אִין אִידִישׁ.

בְּנוֹגֵעַ וֶועם מְכַבֵּד זַיין צוּ רֶעדְן וְכוּ'; וֶוער עֶס רֶעדְט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, אָן קַיין פְּשֶׁעטְלֶעךְ אוּן אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ - דֶער זָאל רֶעדְן, וַוייל מֶענְטְשְׁן קוּמֶען הֶערְן דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי מוֹהֲרַ"ְשׁ הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן, חִיזוּק אוּן עֵצוֹת אוֹיף לְמַעֲשֶׂה; עֶס הָאט נִישְׁט צוּטוּן וֶוער עֶס אִיז עֶלְטֶער וְכַדוֹמֶה, עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין מִיט אַ פְּלַאץ לוֹיט וִוי עֶס פַּאסְט, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין פוּפְצִיג יָאר בַּיים רֶבִּי'ן, הוּנְדֶערְט יָאר בַּיים רֶבִּי'ן - זָאלְסְטוּ זֵיי מְכַבֵּד זַיין מִיט אַן עֲלִיָּה, אָבֶער רֶעדְן זָאלְן נָאר דִי אִינְגֶעלַייט וָואס רֶעדְן דִי דִיבּוּרִים אוֹיף לְמַעֲשֶׂה.

וֶוען מִיר הָאבְן גֶעעֶפְנְט דִי שׁוּל הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג פְּלֶעגְט יֶעדֶע וָואךְ אַ צְוֵוייטֶער רֶעדְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ רַייעֶ מֶענְטְשְׁן, אֲנָשִׁים מְכֻבָּדִים - וָואס הָאבְן גֶערֶעדְט, בִּיז אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען בֶּעטְן מוֹהֲרַ"ְשׁ זָאל בֶּעטְן אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז יֶענֶער זָאל רֶעדְן, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרַ"ְשׁ אַז אַלֶע רֶעדְן שֵׁיינֶע תּוֹרוֹת, שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת וְכוּ' וְכוּ' אָבֶער נָאר דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט דִיבּוּרִים אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, דֶער רֶעדְט פוּן חִיזוּק אוֹיף לִימּוּד הַתּוֹרָה עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), חִיזוּק אוֹיף תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, אוּן חִיזוּק אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ'.

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וָואס הָאבְן גֶעדְרֵיידְט מִיט דִי הֶענְט

און מִיט די נָאז אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד און אוֹיף די דִיבּוּרִים וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶערֶעדְט - בִּיז מֶען הָאט דָאס אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט.

דֶערִיבֶּער, אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ עֶפֶענֶען אַ שׁוּל הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין בְּנֵי בְּרַק זָאלְסְטוּ פוּן אֵיין זַייט יֶעדְן אֵיינֶעם מְחַזֵק זַיין, טֵייל עֲלִיּוֹת פַּאר דִי מִתְפַּלְלִים און וֶוען עֶס קוּמְט אַ גַאסְט גֶעבּ אִים אַן עֲלִיָּה לְפִי כְּבוֹדוֹ, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוער עֶס רֶעדְט, וָואס מֶען רֶעדְט און ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט. זֶע מֶען זָאל רֶעדְן די דִיבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט אִין יְשִׁיבָה, דִי דִיבּוּרִים וָואס דוּ הֶערְסְט בַּיי די שִׁיעוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֶּעט אִיבֶּער דַיין ווַייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין ווַייבּ, טוּ אִיר נִישְׁט וֵויי; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה וֵויי צוּ טוּן דִי ווַייבּ, אִיר מַאכְן וֵויינֶען, מֶען בַּאקוּמְט אַ גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאף. מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס; מֶען פַארְלִירְט דִי גֶעלְט, מֶען פַארְלִירְט דִי קִינְדֶער.

דוּ זָאלְסְט אִיר יֶעצְט אִיבֶּערְבֶּעטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעשְׁמַאקֶע הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִינֶעם נֵייעֶם הֶערְלִיכְן בִּנְיָן אִין שְׁטָאט סִיגוּט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הָרַב ... הי״ו**

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִיט אוּנְז מִיט אַזַא וַוארֶעמְקֵייט, מִיט אַזַא בְּרֵייטֶע הַארְץ.

הָאסְט אוּנְז אַרַיינְגֶענוּמֶען אִינֶעם נֵייעֶם הֶערְלִיכְן בִּנְיָן אִין שְׁטָאט סִיגוּט אִין רוֹמֶענְיֶע. מִיר זֶענֶען אַרוּם גֶעפָארְן אִין אוּנְגַארְן אוּן רוֹמֶענְיֶע, מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין סִיגוּט מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, דָארְט זֶענֶען מִיר שׁוֹין גֶעוֶוען אַזוֹי אָפְּגֶעמַאטֶערְט, מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה גֶעוֶוען. מִיר הָאבְּן גֶענוּצְט דִי מִקְוֶה; אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע הֵייסֶע מִקְוֶה, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ ווִי אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אָדֶער קִרְיַת יוֹאֵל.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶוענְט אוֹיבְן אִין שׁוּל; אַ פְּרַאכְטְפוּלֶער שׁוּל, אוּן מֶען הָאט גֶעגֶעסְן אוּנְטְן אִינֶעם הֶערְלִיכְן עֶס-זַאל. אִיךְ פַאר מִיר הָאב זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען מִיט דִי אוֹצָר הַסְפָרִים, מִיטְ'ן שַׁ״ס אוּן מִיטְ'ן זוֹהַר; מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶענוּג וֶוערְטֶער דִיר צוּ דַאנְקֶען דֶערְפַאר.

אִיךְ בִּין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט, אִיךְ וָואלְט שׁוֹין לַאנְג גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אִיךְ בִּין פָּשׁוּט פַארְנוּמֶען גֶעוָוארְן, עֶס אִיז מִיר אַרוֹיס פוּן קָאפּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג מִיט צְדָקָה גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת וָואס אִיר שְׁרַייבְּט, אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין

יְרוּשָׁלַיִם קֵיינֶעם וֵויי צוּ טוּן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס אַייעֶר מַאן זָאגְט אַזוֹי; אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ אַייעֶר מַאן; עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז עֶר זָאגְט אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִים וֵויי טוּן.

אַז אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אוּן אִיר ווִילְט דָא עֶפֶּעס הֶעלְפְן, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר זַיין דִי גוּטֶע שְׁלִיחַ וָואס וֶועט הָאבְּן אַ גוּטֶע הַשְׁפָּעָה אוֹיף אִים, אִים מְחַזֵק זַיין עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּטֵיילְן פוּן אוּנְזֶער חֲבוּרָה; עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, עַד דִכְדוּכָהּ שֶׁל נֶפֶשׁ - אַז אַייעֶר מַאן ווִיל זִיךְ אָפְּטֵיילְן פוּן אוּנְז.

בְּנוֹגֵעַ דִי הַדְפָּסָה; מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דְרוּקְן זַיינֶע סְפָרִים, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין 'כָּל הַזְכֻיוֹת שְׁמוּרוֹת' אוֹיף דֶעם; אָבֶּער אַז מֶען נֶעמְט צַאם גֶעלְט, מֶען בֶּעט נְדָבוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן עֶס אִיז אוֹיף מַיין נָאמֶען - מוּז אִיךְ עֶס טוּן לוֹיט דִי הֲלָכָה; עֶס דַארְף זַיין אַ וַעַד פוּן אַפָּאר מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט אַז אֵיינֶער אַלֵיין זָאל הָאבְּן דִי שְׁלִיסְל צוּ דִי גֶעלְט. נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען אִיז חוֹשֵׁד אֵיינֶעם דָא, נָאר אִין דִי עָבַר אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען; בַּיי מוֹהֲרַא"שׁ אִיז גֶעוֶוען שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן גְנֵבוֹת, דֶערִיבֶּער מוּז זַיין אַ וֶועג פוּן אַפָּאר מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן אוֹיף דִי גֶעלְט.

אִיךְ הָאף אַז אַייעֶר מַאן וֶועט גֶעדֶענְקֶען וֶוער עֶס הָאט אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען, עֶר וֶועט גֶעדֶענְקֶען וֶוער עֶס הָאט אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פוּן זִיךְ אַז עֶר זָאל ווִיסְן דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר וֶועט וַוייטֶער בְּלַייבְּן אַ מֵפִיץ נָאךְ מֶער ווִי בִּיז אַהֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מְאוֹר קִינְדֶער

## װער איז גרעסער? (ב)

קִינְדֶער, מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט צְוֵויי מַעֲשִׂיוֹת; אֵיין מַעֲשֶׂה הָאבְּן מִיר שׁוֹין דֶערְצֵיילְט פָארִיגֶע וָואךְ, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם קַארְגֶער עוֹשֶׁר, דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן דִי צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעַל מְנַגֵּן וָואס פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין צוּ חֲתוּנוֹת זִינְגֶען אוּן שְׁפִּילְן, אוּן וִויבַּאלְד בַּיי חֲתוּנוֹת זֶענֶען דָא פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ, אוּן דֶער בַּעַל מְנַגֵּן הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיף דִי פְרֶעמְדֶע

פְּרוֹיעֶן – הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר אִיז בְּלִינְד און עֶר הָאט זִיךְ פַארְקְלֶעבְּט דִי אוֹיגְן, בִּיז אַלֶע הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז טַאקֶע בְּלִינְד. וֶוען דֶער בַּעַל מְנַגֵּן אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז מֶען גֶעוָואר גֶעוָוארְן דֶעם אֱמֶת, אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בְּלִינְד; נָאר וִוייבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת הָאט עֶר זִיךְ פַארְבִּינְדְן זַיינֶע אוֹיגְן, מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז בְּלִינְד.



דֶער בְּלִינְדֶער שְׁפִּילֶער

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעפְרֶעגְט זַיינֶע תַּלְמִידִים: "בֵּיידֶע זֶענֶען יֶעצְט אַוֶועק, דֶער קַארְגֶער עוֹשֶׁר אוּן דֶער בְּלִינְדֶער שְׁפִּילֶער, זָאגְט מִיר וֶוער אִיז גֶעוֶוען גְרֶעסֶער – דֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בְּלִינְד זַיין גַאנְץ לֶעבְּן כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט אַ שְׁלֶעכְטְן קוּק, אָדֶער דֶער עוֹשֶׁר וָואס מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז אַ קַמְצָן, אוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר גֶעהַאט בִּזְיוֹנוֹת, מֶען הָאט אִים גֶעשָׁאלְטְן מִיט אַלֶע קְלָלוֹת פוּן דִי אָרֶעמֶעלַייט?" דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן בֵּיידֶע מַעֲשִׂיּוֹת אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר זֵייעֶר רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "רֶבִּי מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וֶוער אִיז גְרֶעסֶער, מִיר טְרַאכְטְן אַז בֵּיידֶע זֶענֶען דִי זֶעלְבֶּע גְרוֹיס", הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: "אִין הִימְל וֵוייסְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט וֶוער פוּן דִי צְוֵויי אִיז גְרֶעסֶער".